זישע לאנדוי

Zishe Landau

## פאר אונזער הרוב אידיש לעבן . . .

פאר אונזער הרוב אידיש לעבן
פאל איך און בעט פאר דיין גענאד!
איך וויין אויף אונזער מאמע־ווילנע,
אויף קאלאמעא און אויף בראד.

אויף ווארשע, קאוונע, קאליש, לעמבערג,
אויף גרויסע און אויף קליינע שטעט,
וואס ס׳איז דער שונא שוין באפאלן,
וואס שפעטער נאך באפאלן וועט.

אויף יעדן אידיש שמוציק געסל,
אויף יעדער קראם וויין איך און קלאג,
אויף יעדער שענק, לאמבארד און קרעטשמע,
אויף אונזער פאלשער מאס און וואג;

אויף יעדן אידיש פריילעך הייזל,
וואס אין א גויאיש שטעטל שטייט —
אויף אלץ וואס איז געווען אונזערס
און מיטן רויך אצינד פארגייט.

ס׳איז ריין און גוט אלץ, וואס ס׳איז אידיש!
דאס אָרעמע לעבן בוי צוריק!
און די פאראומערטע נשמות
מיט א ניטדאיק ווארט פארזויג.

ריז

## FOR ALL THAT EVER HAS BEEN OURS

Now, for our shattered Jewish life
I kneel, and pray to you for grace;
I weep for our old mother Vilna,
For Brod; for every holy place;

I weep for Warsaw, Kovno, Lemberg,
For every large and little town
Whereon the foe of old has fallen,
And which the foe will fall upon.

For every dirty Jewish alley,
Each dingy hole with goods for sale;
For every pawnshop, tavern, alehouse;
For our false measure, weight, and scale.

For every merry Jewish brothel,
That on a Gentile street seemed gay;
For all that ever has been ours
Now vanishing in smoke away.

There's goodness in whatever's Jewish;
Rebuild this poor life, Lord; restore
With words as yet unheard, unspoken,
Your people's needy souls once more.

1916

## איז דער הייליקער בעל שם טוב . . .

איז דער הייליקער בעל שם טוב אין פעלד ארומגעגאנגען,
באגינען אין פעלד אינם קאלטן געגאנגען.
קאלט און פראסטיק האבן געבלאזן די ווינטן,
עס האבן פון צפון געבלאזן די ווינטן,
אז ס׳האבן גענומען אים פרירן די גלידער;
און ס׳האט מיט פארפרוירענע גלידער,
דער הייליקער בעל שם טוב געעפנט די ליפן
און האט אפן קול זיך צעזונגען.
אזוי האבן זיינע געעפנטע ליפן
געזונגען, געזונגען, געזונגען:
„אז וואויל איז צו דעם, וואס האט זוכה געווען
„דיין ווינט זאל אמאל אים באריר[ן],
„אז וואויל איז צו מיר, וואס כ׳האב זוכה געווען,
„פון קעלטן פון דיינע צו פרירן;
„אז וואויל איז צו מיר און אז וואויל איז און וואויל,
„אז וואויל איז און וואויל איז און וואויל".

און דורשטיק די פראסטיקע לופט אלץ געטרונקען
און ווידער אין טיפע מחשבות פארזונקען.

און ביסלעכווייז איז אינם הימל ארויס
א זון אזוי פלאמיק און גרויס,
אז ווי אין גיהנום געווארן איז הייס,
פון פנים גערונען האט טראפנווייז שווייס
און ס׳האט אינם ברענענדן פעלד
קיין ווינטל צומאל ניט געווייט.
נאר פלוצים זיך האט דורכן ברענענדן פעלד,
דאס קול פון בעל שם טוב צעשפרייט;
דאס האט דער בעל שם טוב געזונגען,

## THE HOLY BALSHEMTOV

The holy Balshemtov walked through the fields,
walked at dawn through the cold fields.
From the north the winds were blowing,
cold and frosted the winds were blowing,
and the cold began to freeze his limbs,
and with frozen limbs
the holy Balshemtov opened his lips
and aloud he began his singing.
Thus were his opened lips
singing, singing, singing:
"How blessed is he that has been favored
once to be touched by Your wind.
How blessed am I that I have been favored
to freeze in the cold of Your wind;
how blessèd am I and how blessèd and blessed,
how blessèd and blessèd and blessed."

And the frosty air he thirstily drank
and once more into deep meditation sank.

And little by little in the sky emerged
a sun so flaming and large
that it became Gehenna-hot.
From his face the sweat drops fell
and in the burning field
no breeze blew at all.
But suddenly over the burning field
the Balshemtov spread his call:
thus the Balshemtov was singing,

(12)

244
182

אַ לויב דעם באַשעפער געזונגען:
„פאַר קעלטן און היצן, פאַר זון און פאַר רעגן,
„פאַר טאָג און פאַר נאַכט, דיר אַ לויב!
„פאַר אַלץ, וואָס דו שיקסט דעם מענטשן אַנטקעגן,
„אַ לויב דיר, אַ לויב דיר, אַ לויב!
„און וואויל איז צו מיר, וואָס איך ווער איצט פאַרברענט,
„פון פייערן דיינע פאַרברענט.
„און אויב איך בין זוכה, און דו האָסט באַשערט,
„צו פאַלן פון דורשטיקייט איצט אַף דיין ערד,
„ווי וואויל איז צו מיר און ווי וואויל איז און וואויל
„און וואויל איז און וואויל איז און וואויל".

praise to the Creator singing:
"For cold and for heat, for sun and for rain,
for day and for night, be You praised.
For all that You send toward each man
praised be You, praised be You, praised,
and blessed am I that I am now burning,
in Your fires burning.
*And if I am favored*, and You have fated
that I fall to Your earth, my thirst unsated,
how blessèd am I and how blessèd and blessed
and blessèd and blessèd and blessed."

trans. Sarah Zweig Betsky